

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

פרשת פינחס - פרקי אבות פרק א'
עש"ק כ' תמוז שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה ט"ז - גליון 741
זמנים: עש"ק 8:02 – מוצש"ק 9:28



## לויבן און דאנקען נייעס

**די וואך** ווען מיר לערנען ווייטער איבער דעם ענין פון **"יורדי הים - מיטן שיף אויפן ים"** פון די **שיפן און די פישן** אלעס ארום די וואסערן האבן מיר זייער שיין מיטגעהאלטן א וואך מיט פולע אינטערסאנטקייט.

**גאר ספעציעל** זענען געווען די געסט וואס מיר האבן אזוי שיין באגריסט **"די קליינע פיש'עלער"** מיר הערן פון מנהל במשך די וואך דעם גאנצן פראצעדור פון כאפן פיש, די צוויי סארטן פיש כאפער'ס מיטן בענדל און די נעץ, אבער נאכמער איז געווען די אקטיוועטי' פון עכט כאפן, די עכטע פיש, יא עס הערט זיך גאנץ גוט, מיין רבי פארציילט אונז אז אין איין חדר איז דא א וואסער ממש א ים מיט פישלעך, און מיר וועלן דארט אהין גיין כאפן פיש.

**מען גייט כאפן פיש'לעך!!** מיר ווערן זייער פריילך, א יעדע כיתה באזונדער באקומט זיין צייט געוואלדיג! מיר קומען שוין אן זעהן מיר א שיינע קליינע פול - אנגעפילט מיט וואסער און כמעט 200 פיש'לעך שווימען דארט מיט א שנעלקייט אהין און צוריק. מיין רבי לייגט אריין אביסל עסן און די פיש כאפן און עסן מיט א גוטן אפעטיט.

**יא! מיר זעהן ווי די פיש זענען שטיל** די גאנצע צייט זיי מאכן נישט קיין גערידער די מנהל זאגט אונז אז מיר קענען זיך אפלערנען א גוטע זאך פון די פיש **"אז ביים עסן דארף מען זיין שטיל ווי א פיש."**

**מיר זענען שוין זייער פריילך** ווען מיר באקומען א גרויסע פיש כאפער נעץ און מיין רבי זאגט אונז לאמיר זעהן ווער קען כאפן די מערסטע פיש, מיר פראבירן נאכלויפן די פיש אמאל געלונגט עס מער און אמאל ווייניגער אבער פריילך זענען מיר זיכער. אזוי האבן מיר פארברענגט מיט די פיש 2 מאל די וואך. אזוי איז דאס געווען אמחי.'

**אונזער שיינע פיש טענק !**

**מיר האבן** אויך באקומען די שיינע קליינע פיש טענק ווי מיר קענען אליינס אריין לייגן די וואסער און זעהן ווי די פיש ווערן גרעסער און גרעסער, מיר האבן דאס שוין פראבירט אין חדר ווען מיין רבי האט אריין געלייגט וואסער אין זיין פיש טענק, יעדן טאג באגריסן מיר די פיש'עלעך און מיר זעהן ווי זיי ווערן שענער און גרעסער.



**א היימישע פיש טענק!**

**אויך זענען אונזערע הענט'לעך געווען** גוט פארנומען ווען מיר טוהן דיזיינען א שיינע זאך מיט א פיש און א שיף. מיר הערן זייער גוט וואס טוט זיך אינעווייניג טיף טיף אין א וואסער, די שיינע שטיינער, די שיינע שעל'ס, דארט אין וואסער מיט די פישעלעך. אזוי האבן מיר טאקע געמאכט די שיינע זאך מיט די שיינע שטיינער און מיט א שעל א שיפ'ל און א פיש'ל מיט סטיקער'ס ארום אפילו מיר ווען דאס שאקלען אלע זייטן קען מען דאס אלעמאל צוריק מאכן זייער שיין.



## התודה והברכה

בס"ד

אין נאמען פון אלע קינדער און מלמדים ווילן מיר ארויס ברענגען א שטארקע **"הכרת הטוב"** ספעציעל פארן געטרייער מנהל פון טראנספארטעישן **ה"ה ר' משה יוסף פריעדמאן הי"ו** וואס שטייט שטענדיג גרייט וואס מען דארף מיט אזא איבערגעגעבענהייט לטובת די קינדער'לעך און די וואך גאר ספעציעל.

און אזוי אויך פאר **ר' משה שמואל אונגאר הי"ו** פון די חשובע באס דרייווער'ס פארן ארויס העלפן און שאפן די קליינע פישלעך צו די הנאה פון די קינדער'לעך .

**השי"ת זאל אייך באגליקן מיט שטענדיגע נחת געזונטערהייט פרנסה נחת בני חיי מזוני רב תענוג ונחת דקדושה פון אלע אייערע קינדער מיט אלעם גוטן בזכות התינוקת של בית רבן.**

## וואס איז היינט געווען אין חדר?

**מיט צו האלטן א יעדן טאג וואס הערט זיך אין קינדערגארטן זומער חדר, קענט אין רופן דעם נייעס ליין אויף 1-5 – 718-407-7460**

**אזוי אויך ווערן ארויפגעלייגט די זומער ניגונים פון חדר ביים שער הנגינה אפטיילונג**

# פארציילט אין לאנטש רום

מיר האבן מיט געהאלטן אין לאנטש רום די הערליכע מעשה פון יונה הנביא.

**די וואך ווען מיר האבן** ווייטער ממשיך געווען און געלערנט פון די "**יורדי הים**" האבן מיר פארציילט די מעשה וואס מיר זאגן יום הקדוש ביי מנחה אין די הפטורה נאכ'ן ליינען.

**עס איז געווען א גרויסע שטאט**, וואס האט געהייסן נינוה, עס האבן דארט געוואוינט אסאך גוים, זיי האבן געטוהן אסאך עבירות, זיי האבן גע'גנב'עט, אפילו דער קעניג איז געווען א גנב.

**דער אויבערשטער** האט געהייסן פאר "**יונה הנביא**" ער זאל גיין קיין נינוה, און ער זאל זאגן צו די גוים, אז דער אויבערשטער זעהט אלע זייערע עבירות וואס זיי טוהן, און אויב וועלן זיי נישט תשובה טוהן, וועט דער אויבערשטער איבערקערן די גאנצע שטאט.

**יונה הנביא** האט נישט געוואלט גיין זאגן צו די גוים אז זיי זאלן תשובה טוהן, ווייל אויב די גוים וועלן תשובה טוהן, וועט דער יצר הרע זאגן אויף די אידן שלעכט'ס, אז די גוים זענען בעסער ווי די אידן, ווייל די גוים פאלגן און זיי טוהן תשובה. יונה האט געטראכט צו אנטלויפן מיט א שיף ארויס פון ארץ ישראל, וועט איהם דער אויבערשטער נישט קענען שיקן זאגן פאר די שטאט נינוה - אז זיי זאלן תשובה טוהן. יונה איז געגאנגען צו די שיף פארט, און ער האט געזעהן א שיף וואס גייט פארן קיין "**תרשיש**" האט ער באצאלט געלט און ער איז ארויף אויפן שיף. יונה הנביא האט זיך געלייגט שלאפן אין די שיף.

**אבער פון דעם אויבערשטן קען מען נישט אנטלויפן,** דער אויבערשטער האט געמאכט א שטארקע ווינט זאל בלאזן אויפן ים, און די שיף האט זיך זייער שטארק געווארפן, און עס האט געהאלטן ביים איינזינקען. האבן די שיף קאפיטאן'ס אריינגעווארפן אין ים די זאכן וואס זענען געווען אויפן שיף, אז די שיף זאל ווערן גרינגער אין עס זאל קענען בעסער פארן, אבער עס האט נישט געהאלפן, זיי האבן פראבירט צו צופארן צום שיף פארט, אבער זיי האבן נישט געקענט, ווייל עס איז געווען **זייער א שטארקע ווינט,** האבן זיי שטארק געוויינט און געבעטן זייערע געטשקעס, אבער דאס האט זיי אוודאי גארנישט געהאלפן.

**דער הויפט שיף קאפיטאן** האט באמערקט ווי יונה הנביא שלאפט זיך אזוי רואיג, האט ער איהם אויפגעוועקט **און ער האט אויף איהם געשריגן: פארוואס שלאפסטו?** גיי דאווען און בעט צום אויבערשטען אז ער זאל אונז העלפן.

**זיי האבן געזעהן** אז אלע אנדערע שיפן אויפן ים פארן יא רואיג, נאר זייער שיף ווארפט זיך און קען נישט פארן, האבן זיי פארשטאנען אז צוליב איינעם וואס איז דא אויף די שיף ווערט מען געשטראפט, האבן זיי געמאכט א גורל און דער גורל איז ארויסגעקומען אויף "**יונה הנביא**" אז ער איז שולדיג.

**זיי האבן געפרעגט פון יונה, ווער ביסטו?** און וואס האסטו געטוהן אז מען שטראפט אונז אז דער שיף זאל זיך איבערקערן.

**האט זיי יונה דערציילט** אז ער איז א איד, און פון באשעפער פון די וועלט האב איך מורא, און דער אויבערשטער פון דער וועלט שטראפט איהם יעצט דא אויפן שיף ווייל ער האט נישט געפאלגט, און יונה האט זיי דערציילט די גאנצע מעשה אז ער האט געוואלט אוועק לויפן פון דעם אויבערשטן.

די מענטשן פון די שיף **האבן זייער מורא באקומען פון דעם אויבערשטן**, און זיי האבן זיך גענומען דאווענען צום אויבערשטן, אז זיי זאלן בלייבן לעבן. זיי האבן געפרעגט פון יונה הנביא: **וואס זאלן מיר טוהן** אז דער שיף זיך נישט איבערקערן ?

**האט יונה זיי געזאגט:** ווארפט'ס מיר אריין אין ים אריין, וועט דער שטארקער ווינט אויפהערן. די מענטשן האבן אים נישט געוואלט אריין ווארפן אין וואסער, קודם האבן זיי איהם אריין געלייגט נאר אביסל אין וואסער, און עס האט טאקע אויפגעהערט די שטארקע ווינטן. אבער עס האט נאכנישט אויפגעהערט אינגאנצן ביז זיי האבן אריינגעווארפן יונה אינגאנצן אין ים אריין, און די שטארקע ווינטן האבן אויפגעהערט, דער שיף האט שוין געקענט פארן אויפן ים.

**דער אויבערשטער האט געשיקט א גרויסע פיש** און ער האט איינגעשלינגען יונה הנביא, און עס איז געווען ליכטיג פאר יונה אינעווייניג אינעם פיש. אין די בויך פון דעם פיש איז געווען א ברילאנט שטיין, עס איז געווען א לעכטיגקייט פונעם ברילאנט שטיין אזוי ווי א שיינעם לעכטיגן טאג, און יונה האט געזעהן אלעס וואס איז דא אין ים.

**יונה האט נישט געדאווענט אז דער אויבערשטער זאל איהם ארויסנעמען פון די פיש,** ווייל עס איז איהם דארט זייער גוט געווען, האט דער אויבערשטער געמאכט אז דער גרויסער פיש זאל איהם אויסשפייען, און א קלענערע פיש האט איהם איינגעשלונגען, דארט איז שוין נישט גוט געווען פאר יונה, ווייל אין יענע פיש איז געווען אסאך אסאך קליינע פישל'עך און עס איז נישט געווען קיין פלאץ פאר יונה הנביא. האט יונה שוין געדאווענט און געבעטן אז דער אויבערשטער זאל איהם ארויסנעמען פונעם פיש. האט דער אויבערשטער געזאגט צו דעם פיש, ער זאל אויסשפייען יונה הנביא, און **דער פיש האט אויסגעשפיגן** יונה אויפן טריקעניש אויף דער ערד.

**דערנאך האט דער אויבערשטער** נאכאמאל געזאגט פאר יונה הנביא אז ער זאל גיין זאגן פאר די מענטשן פון די שטאט נינוה אז זיי זאלן תשובה טוהן. דאס מאל האט שוין יונה געפאלגט דעם

## ווינקל אינהאלט


- **לויבן און דאנקען נייעס פון "יורדי הים "**
- וואס איז היינט געווען אין חדר
- **התודה והברכה ספעציעל דאנק**
- פארציילט אין לאנטש רום "יונה הנביא"
- **געבן נאך א געלעגנהייט !!**
- טוהן א חסד און אליינס הנאה האבן דערפון
- **עלטערן קענען אסאך ארויס העלפן !**
- וויכטיג און פאסיג
- **ווער ליידט דאס מערסטע**
- פרייליכע נייעס הערט זיך פון די שפאלטענעס
- **וואס עלטערן דארפן וויסן פאר אחריות ביי טראנספארטעישאן!!**
- השבת אבידה
- **אפוועגן די האר**
- פליישיג'ס פאר מיטאג
- **מזל טוב וואונטשן**


**טעגליכע נייעס, שער הנגינה**

**718-407-7460-1/5/6**

אויבערשטן און ער איז גלייך געגאנגען צו די שטאט נינוה און ער האט אויסגערופן: **אבטונג אבטונג: אויב מען טוט נישט תשובה, וועט דער אויבערשטער איבערקערן די שטאט.**

**די מענטשן האבן זיך זייער דערשראקן** פון דעם אויבערשטן, זיי האבן זיך אנגעטוהן א זאק, און אנגעהויבן צו פאסטן, אויך דער קעניג האט געהערט וואס יונה האט אויסגערופן, און דער קעניג האט זיך אויסגעטוהן זיינע טייערע קליידער, און ער האט אנגעטוהן א זאק, דער קעניג האט געהייסן אז יעדער דארף תשובה טוהן, און מען זאל שטארק בעטן צו דער אויבערשטער אז ער זאל זיי מוחל זיין.

**די גוים דארט** ווען זיי פלעגן בויען זייערע הייזער פלעגן זיי גיין גנב'נען **ציגל, טירן, פענסטער**, יעצט ווען זיי האבן תשובה געטוהן, האבן זיי צובראכן זייערע הייזער, זיי זאלן קענען צוריקגעבן די ציגל, טירן, פענסטער'ס וואס זיי האבן גע'גנב'עט.

**דער אויבערשטער האט געזעהן אז זיי טוהן תשובה**, ווייל זיי געבן צוריק אלעס וואס זיי האבן גע'גנב'עט, האט זיי דער אויבערשטער מוחל געווען **און זיי געלאזט לעבן**

## געבן נאך א געלעגנהייט !!

**דער סדר פון שווימען** האט זיך ב"ה אויסגעשטעלט אויפן בעסטן פארנעם וואס קען נאר זיין, מיט נייע שווימען גליטשערס. אויף וואס די קינדער פארברענגען און לעבן אריין ב"ה מיט פיל הנאה, עס איז אבער מעגליך אז אין יעדע כיתה איז נאך דא עטליכע קינדער וואס האבן נאכנישט אזוי הנאה פון דעם שווימען בכלל, (עס איז דא אלע סארט קינדער) אבער אז מען פראבירט רעדן צו זיי און מסביר זיין, **"געבט דאס נאך א געלעגנהייט"** אזוי צוביסלעך ווילן זיי שוין אויך גיין שווימען.

**דעריבער ווילן מיר זייער בעטן** אפילו ווען א קינד זאגט אינדערהיים אז ער וויל נישט גיין שווימען זאל מען פרובירן רעדן צום קינד אז דאס איז זייער א גוטע זאך, און **בעיקר זאל מען מאכן זיכער אז די קינדער האבן די שווים זאכן אין חדר**, אזוי געט מען א געלעגנהייט פארן רבי'ן אויך צו צורעדן דאס קינד יא מיטצוהאלטן דאס שווימען. אזוי זעהן מיר א יעדעס יאר אז אפילו די קינדער וואס אין אנהויב ווילן זיי נאכנישט גיין שווימען, אבער מיט די צייט קומען זיי צום טעם און זיי ווילן שוין יא מיטהאלטן דעם שווימען סדר. **אבער** אויב שיקט מען נישט קיין שווים זאכן און דאס קינד גייט נישט שווימען ווערט שטארק געשטערט די שווימען סדר פון די גאנצע כיתה.

## זייער וויכטיג וועש לעיבלס
### טוהן א חסד און אליינס הנאה האבן דערפון

**במשך די זומער וואכן** ווען די קינדער גייען שווימען, און זיי טוהן זיך אויס די וועש, איז אפילו מען האט א לעיבל קען זיך אמאל מאכן אז א קינד פארטוישט זיך מיט א שכן איינע פון זיינע וועש, איז דאס בעסטע זיך אליינס ארויס העלפן איינער דעם אנדערן מיט א חסד.

**ווילן מיר טאקע בעטן** זייער חשוב'ע עלטערן ווען מ'זעהט אז א קינד האט אהיים געברענגט וועש סיי וואס צום ביישפיל א ציצית, אדער א העמד, זאקן, וואס האט א לעיבל מיט א נאמען פון א צווייטן קינד, ביטע טוט א חסד און רופט אן דעם טעל. נומ. און שיקט דאס צוריק צום מלמד מיט א צעטיל אז דאס דארף מען איבער געבן פאר יענעם תלמיד. אזוי וועלן זאכן שנעלער צוריק קומען און נישט ווערן פארלוירן .

**די קינדער טוהן זיך ב"ה מער וויניגער אליינס אן** און עס מאכט זיך אמאל אז ער האט גענומען זיין שכנ'ס א זאך און קיינער קען דאס נישט באמערקן בשעת די גאנצע חדר ארבייט אויפאמאל מיטן זיך אנטוהן אפילו די קינדער האלטן באמת די וועש עקסטער יעדער אין זיין שווים בעג דאך מאכט זיך זייער אפט אז בשעת'ן אנטוהן קען זיך דאס פארמישן מיט א שכן.

**די קינדער** האבן באמת הנאה פונעם שווימען סדר, און אפילו עס קומט נישט אן גרינג פאר א מלמד טוט מען דאס גערן צו די הנאה פון די טייערע קינדער'לעך.

## עלטערן קענען אסאך ארויס העלפן !

**ווי באקאנט יעצט אין די זומער וואכן** פעלן אסאך קינדער פרייטאג און זונטאג און דעריבער האט מען צוזאם געשטעלט די באס רוט'ס. און ב"ה די ערשטע וואך שוין איז דאס געווען מיט א סוקסעס <u>די טראנספארטעישן מענעדשמענט האט אריין געלייגט אסאך כוחות אז אלעס זאל קלאפן עצהיו"ט</u> און עס האט זיך זייער שטארק אנגעזעהן ב"ה.

**מיר ווילן בעטן** זייער חשוב עלטערן מ'קען מיט א קלייניקייט אסאך צוהעלפן. עס איז דא באסעס וואס דארפן ארום פארן מערערע גאסן צוליב איין סטאפ פאר איין אינגל, ספעציעל איז דאס מער ביי די נייע געגענטער. **איז אויב א משפחה ווייסט אז זיי וועלן נישט זיין דא דעם פרייטאג אדער זונטאג <u>זאל מען ביטע זאגן פארן באס רבי דאנערשטאג</u>** אזוי וועט דאס אסאך גרינגער מאכן נישט צו דארפן פארן אין די שווערע היצן עקסטערע גאסן עס איז ממש איין קלייניקייט אבער טוט אסאך אויף.

מיט פיל דאנק

## וויכטיג און פאסיג

עס איז זייער וויכטיג און פאסיג יעצט אין די זומער וואכן, אויסצולערנען פאר די קינדער אינדערהיים אביסל זיך אליינס צו קענען אויסטון און אנטון,

<u>יעצט ווען די מלמדים העלפן פאר א קינד מיטן גיין שווימען איז פיל שווערער ווען א קינד קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט גארנישט,</u>

אין חדר ווייזן די איבערגעגעבענע מלמדים וויאזוי זיך אויסטון און אנטון מיט א סדר אבער אז מען העלפט דאס אויך צו פון שטוב וועט דאס גיין אסאך גרינגער אי"ה.

# בילדער ווינקל

מיר האבן אזוי שיין צוזאם געשטעלט פון קליקס א מענטש וואס גייט פארן אויף א "שיף" אויף א וואסער אויך "פישלעך"






מיר האבן אזוי שיין באגריסט "די קליינע פיש'עלעך" * מען גייט כאפן פיש'לעך!!










# בילדער ווינקל

מיר האבן אזוי שיין באגריסט "די קליינע פיש'עלער" * אונזער שיינע פיש טענק! * א היימישע פיש טענק!







אונזערע הענלעך שטארק פארנומען מיטן צוזאם שטעלן א היימישע פיש טענק










## ווער ליידט דאס מערסטע

**א באס פין** איז געמאכט געווארן צו קענען וויסן די אינפארמאציע פון א קינד אין יעדן פאל. נישט נאר ביים גיין צום באס, נאר אויך אין חדר ווען א קינד מישט זיך אמאל אויף מיט זיין געוואוינהייט און שפאצירט אריין צו זיין קלאס פון א גאנץ יאר, ווי אזוי ווייסט מען וואו אהין מען זאל צו פירן דעם קינד, צום ריכטיגן חדר צו זיין רבי? **נאר מיט די באס פין**. סיי וועלכער מלמד גיבט א קוק אויפן פין און קען העלפן דעם קינד זייער שנעל. **אבער ווען א קינד האט נישט קיין באס פין קען מען איהם נישט העלפן, נישט צו גיין צו זיין קלאס, נישט צו גיין צו זיין באס חדר, און נישט צו זיין באס**, וואס פאסירט דעמאלטס? דאס איז איבעריג צו שרייבן!!

**נאכמער זונטאג און פרייטאג** ווען עס ווערן אמאל צוזאם געשטעלט קלאסן, מיט באסעס, דאס קינד האט אן אנדערן רבי'ן. אז ער האט א באס פין איז אלעס מסודר, און אז נישט? ליידט ער אליינס

**דער זומער חדר פין אליינס** איז נישט גענוג אויף צו וויסן אויף וועלכער באס דאס קינד דארף גיין..

### מאמי! פליז טוה אן מיין באס פין אויף מיר, יעדן איינציגן טאג!!

**מאכט זיכער נישט אנטון די באס פין פון א גאנץ יאר, אפילו ס'איז די זעלבע קאליר, איז דא נאך אינפארמאציע דערויף וואס איז נישט די זעלבע.**

## פרייליכע נייעס הערט זיך פון די שפאלטענעס ארויס
## לכבוד מיינע חשוב'ע עלטערן שיחיו עמו"ש.

מיר ווילן אייך זיין מודיע.
איבער אן אינטערעסאנטע נסיעה.

מיר וועלן אי"ה לערנען אין די קומענדיגע טעג.
ווען א איד גייט אויף א ווייטע וועג.

וואס אין די אמאליגע יארן.
ווען מ'איז אויף א ווייטן וועג געפארן.

איז דאס געווען פארבינדן מיט אסאך צער,
און מ'איז אריין אין אן ערנסטן געפאר.

מ'דארף נישט ארויסברענגען און זאגן.
וואס מיינט זיך שלעפן מיט א פערד און וואגן.

עס האט כסדר געקלאפט דאס הארץ.
אין די טונקעלע נעכט, מ'זעהט נאר שווארץ.

פעלדער און וועלדער ארומגענומען.
די חיות שרייען און ברומען.

און ווען ער איז שוין אנגעקומען צום ריכטיגן ציל.
האט ער געדאנקט השי"ת מיט גרויס געפיל.

געברענגט א קרבן תודה מיט לויב און געזאנג.
אויסצודריקן פאר השי"ת זיין דאנק.

כדי זיך צו דערמאנען פון יענע געפילן.
וועט מען דאס ביי אונז אין חדר אויפשפילן.

דאס צו קענען ריכטיג דערשפירן.
וועט אונז א פערד און וואגן ארומפירן.

מיר וועלן דאס שפירן אויף זיך אליין.
צו אונז אין חדר וועט דאס קומען צו גיין.

און אויך אביסל חיות און בהמות זיך צו דערמאנען.
די געפילן פון א איד וואס איז אין וועג געגאנגען.

אבער אז דאס אלעס זאל ווערן אהערגעשטעלט.
קאסט אסאך געלט.

### אלע קינדער דארפן ברענגען צו געבן צו שטייער, פארן בעל עגלה.
### זעהט באזונדערע מודעה.

## מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלום בן הרב ישראל קויפמאן ני"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל ארי' מאלח שליט"א
הרב אלעזר ארי' יונגרייז שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יצחק שמואל ב"ר מרדכי ווידער ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שרגא פייוויש היילפרין שליט"א
הרב אלעזר ארי' יונגרייז שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמואל צבי ב"ר משה אליעזר שטיינמעטץ ני"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

בס"ד

# סאטמאר קינדערגארטן

זומער חדר

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בנין ישעי' זאב לעוו הזגתו 718-407-7460
762 Wythe Ave. Brooklyn n.y. 11211

ה' פנחס תשפ"ד

# "פרייליכע מעלדונג"

## לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו.





פרייליכע נייעס הערט זיך אין חדר צווישן די ווענט,
גרויסע געסט וועלן אונז קומען בקרוב באזוכן.
טאקע די וואס שפאצירן מיט די פוס און מיט די הענט,
אינעם הויף פון חדר (פען סטריט) וועלן זיי ארום קריכן.
א גאנצע זָאָאָ פון פארשידענע בהמות וועלן קומען מיט זייערע טריט,
און מיר ווען אכט געבן אויף די חיות זייער גוט,
זיי געבן צו עסן און טרינקען, מיט א גוטן אפעטיט.
לערנען ווען מיר קומענדיגע וואך, פון פארן א לאנגען וועג,
אויף א סדר וואס איז געווען אין די אמאליגע טעג.
דער בעל עגלה מיט זיין פערד און וואגן, וועט מיט אונז אביסל ארום יאגן,
א געשמאקע רייזע אי"ה פארן מיר, זיך מחי' זיין אויף די פרישע לופט וואס מער.
באקומען פרישע כוחות צו שטייגן אין תורה ויראת שמים אן אויפהער.

**ווען ?** דינסטאג פרשת מטות – מסעי אויפן סדר,

**ווי?** ביי אונז אויפן גאס לעבן די חדר.

**וואס?** א זָאָאָ מיט א פערד און וואגן א פיינער.

# אלע קינדער דארפן ברענגען $15.00

**דאס געלט דארף מען ברענגען אריין געלייגט אין דעם ענוועלאפ**
**וואס מיר שיקן אהיים מיט דעם נאמען פונעם קינד און מלמד**

ארויף לייגן מיט א סעיפטי פין אויפן קינד

**ההנהלה**

# <u>וואס עלטערן דארפן וויסן וועגן די באסעס און טראנספארטעישאן!!</u>

**מיר ווילן איבערגיין מיט די עלטערן פארשידענע פוינטס וואס עלטערן דארפן אויך זיין מער פארזיכטיג, פאר די וואוילזיין און די אחריות פון אונזער׳ע קינדער ביי טראנספארטעישן.**

❖ די ערשטע זאך איז זייער וויכטיג אז די זמנים, זאלן זיין מיט א סדר יעדן טאג בערך די זעלבע, עס פארשטייט יעדער וואס דרייווט אין וויליאמסבורג אז דער טראפיק בייטאג איז זייער שווער ממילא קען דאס נישט זיין אזוי פונקטליך אויף די מינוט, אבער בערך אין די זעלבע 6-7 מינוט פראבירט מען יא די מערסטע וואס איז שייך, דעריבער איז אנגענומען געווארן אז אין פאל א באס זעהט אז איין טאג איז ער געווארן שנעללער מיט מער ווי 8 מינוט וועט ער זיך שטעלן אין א זייט אוןווארטן ביז די צייט ווערט ריכטיג, אבער פון די עלטערן׳ס זייט פעלט זיך אויס, נישט אויפצוהאלטן דעם באס מיט קיין עקסטערע מינוט׳ן אויף אויסצושמועסן ווען זיין ריכטיגע צייט איז, איר קענט אריין רופן צו טראנספארטעישן אפיס און דאס אויסשמועסן מיטן דיספעטשער אדער מיטן מנהל פון אייער קינד כדי זאכן זאלן ווערן אויסגעגליכן, אבער זיכער נישט זיך נעמען רעדן צו א דרייווער אינמיטן זיין באס ראוט ווייל אנדערע עלטערן ווערן יעצט אויפגעהאלטן מיט טייערע מינוטן. עס איז זייער וויכטיג אז ווען דער באס קומט שוין נאנט צו אייער הויז צו זיין גרייט אפווארטן דעם באס מיט די קינדער, זיי אנכאפן די הענט, און זיי צו פירן צום באס.

❖ עס איז איינגעפירט ביי די נווירסערי-קינדערגארטן באסעס אז א קינד דארף מען צוברענגען צום באס. נאר דורך עלטערן אדער אן ערוואקסענער משפחה מיטגליד. חלילה נישט לאזן קינדער אליינס לויפן, נישט אינדערפרי ביים ארויף לייגן די קינדער אויפן באס און די זעלבע ביים אהיים גיין, ביים אפנעמען די קינדער פון באס דארפן עלטערן אדער אן ערוואקסענע אפנעמען די קינדער, פון די טיר ביים באס, ווען קינדער קומען אדער גייען אליינס איז דאס א געווואלדיגע סכנה עס קען זיך מאכן די לעצטע מינוט׳יגע זאכן וואס די קינדער קענען נישט אליינס באמערקן נאר אן ערוואקסענע, מיר האבן שוין דאס מערערע מאל בייגעוואוינט, די הארץ קלאפעניש אין אזעלכע מינוטן איז זייער נישט בא׳טעמ׳ט. דעריבער וועט מען נישט ארויף נעמען קיין קינד וואס קומט אן עלטערן אדער ערוואקסענע, די זעלבע ביים אהיים גיין וועט מען נישט אראפ לאזן קיין קינדער אליינס, אפילו די עלטערן שטייען לעבן זייער הויז נאר מ׳דארף קומען צום באס אפנעמען די קינדער.

❖ זייער וויכטיג אז ביים אראפ נעמען א קינד פון א באס דארפן די קינדער אראפ גיין די סטעפס און זיי נישט לאזן אראפ טאנצן אויף א מאמע, ווייל אמאל שטייען נישט די עלטערן גרייט, און די קינדער געבן א שפרינג אראפ, ווי זייער געוואוינהייט און זיי פאלן אראפ, דאס זעלבע ווען די קינדער קומען אן ביים חדר, ווילן זיי אראפ טאנצן און דאס איז א סכנה, דעריבער זאל מען זיי אויסלערנען צו גיין די סטעפס.

❖ עס מאכט זיך אמאל אז עלטערן זענען נישט אינדערהיים, אדער ווילן עלטערן סתם אז א קינד זאל גיין צו א שכן, אין אזא פאל דארף דער שכן בעטן דאס קינד, מיר קענען נישט מכבד זיין שכינים מיט נאך קינדער נישט אלעמאל בלייבט יענער אין שטוב, איז כדי צו פארמיידן אומבאקוועמליכקייטן, דארף דער שכן בעטן דאס קינד, אין פאל אז קיינער בעט נישט דאס קינד וועט דאס קינד בלייבן אויפן באס ביז צום נעקסטן טריפ.

❖ עס איז וויכטיג צו דערמאנען ווי וויכטיג איז אז די קינדער דארפן האבן די באס פינס אנגעטון אויף זיך א יעדן טאג באזונדער. ווען א קינד דרייט זיך ארום פארן אהיים גיין און זוכט זיין באס חדר, ספעציעל ביי די גאר קליינע. אדער ביים אראפ גיין צום באס קען זיך אמאל אויסמישן צוויי באסעס אויף די סטעפ׳ס, זעהט׳ס זיך אן זייער שנעל, א קינד וואס האט א באס פין, איז א געהאלפענער אין איין מינוט, אינגאנצן אנדערש איז א קינד וואס מ׳קען איהם נישט ארויס העלפן ווייל קיינער ווייסט נישט ווער ער איז, ווי ער דארף צו גיין. דעריבער האלט דאס נישט פאר גרינג נאר יעדן טאג, יעדעס קינד, דארף צו האבן זיין באס פין.

❖ אזוי ווי ס׳איז דא די נישט אידישע דרייווערס דארף מען זיין מער געווארנט קיינמאל נישט ארויף לייגן א קינד אויף א באס אן א רבי אפילו ביי די ערשטע סטאפ. די דרייווערס זענען שטארק אנגעזאגט אז זיי טארן נישט אויפפיקן קיין קינדער אן קיין באס רבי, דעריבער אז א באס שטייט אמאל און ווארט אויף זיין באס רבי סיי פאר די צייט, און סיי נאך די צייט טאר מען נישט ארויף לייגן א קינד אויף א באס אן א באס רבי (עס קען זיך אמאל מאכן אז דער דרייווער מיטן רבי האבן זיך נישט פארשטאנען ווי אפ צו ווארטן דעם באס בפרט ביי א סובסיטוט אדער א נייע באס ראוט וכדו׳). אפילו דער דרייווער ווייזט אז מ׳קען ארויף לייגן דאס קינד אויפן באס איז דאס זייער נישט אויסגעהאלטן, ווייל מטעם הנהלת המוסד האט מען אויפגענומען באס רבי׳ס פאר די וויכטיגקייט און זיכערהייט פון די קינדער. וד״ל

❖ די נישט אידישע דרייווערס זענען שטארק אנגעזאגט געווארן נישט צו געבן קיינמאל קיין שום עסנווארג פאר די קינדער, אין פאל איר זעהט אדער איר הערט פון אייער קינד אז א דרייווער האט יא עפעס געגעבן פאר א קינד דארף דאס ווערן אדרעסירט ביים טראנספארטעישן אפיס און צום מנהל׳ס אפיס כדי דאס אפצושטעלן ווי אמשנעלסטן.



## השבת אבידה

עס איז אנגעקומען צום מנהל פון קינדערגארטן 2 ברילן – גלעיזער איינס איז היפש א קליינע אויב ווייסט איינער ווער עס האט פארלוירן א קינדער גלעיזער ביטע רופן **718-407-7460 # 2217** כדי דאס זאל אנקומען צוריק צום קינד.

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב**
**פאר דעם חשוב׳ן איבערגעגעבענער מלמד ה״ה**
**הרב שמעון פריעד שליט״א**
**לכבוד די געבורט פון א מיידל אייניקל**
**ביי זיין איידעם האברך היקר והנעלה פאר המדות ה״ה**
**מו״ה משה אליעזר שטיינמעטץ הי״ו**
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די בני בית געזונטערהייט זיך עלטערן אין פריידן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע קינדער און אייניקלעך מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי״ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב**
**פאר דעם חשוב׳ן איבערגעגעבענער מלמד ה״ה**
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט״א**
**לכבוד די געבורט פון זיין אינגל**
**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז דער ברית זאל זיין בעתו ובזמנו און איר זאלט צוזאמען מיט אייער בני בית געזונטערהייט זוכה זיין מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך און שטענדיג ווייטער זעהן רב שמחה תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער און תלמידים מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי״ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

### אויפמערקזאמקייט – *להסיר מכשול*

עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג׳ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג, כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה.

עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך אדער אין חדר אדער אויפן באס.

**מיר לייגן דאס געוועהנליך אויך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**

עס איז כדאי צו וויסן,

אז די קינדער האבן פליישיג׳ס א יעדן דריטן דינסטאג.

## אפוועגן די האר

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו״ת הרדב״ז ח״ב סי׳ תר״ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב יואל ווערצבערגער הי״ו 347.452.8336**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רוויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא״צ בב״א.**




## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג

שמחות ביי אידן ב״ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע **״מזל טוב״ פעקלעך** פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב״ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען, מיט די העכסט צופרידענהייט.
באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,
**קרי״ש ליינען – וואכנאכט**, א הערליכע פרינט בעג.
**אפשערן** און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל **הכנסת ספר תורה**, אדער **חברת תהלים**, סיי ווען איר דארפט א **״שיינע מזל טוב פעקעלע״** זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי״ת.

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**




**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**





בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

פרשת פינחס - פרקי אבות פרק א'
עש"ק כ' תמוז שנת תשפ"ד לפ"ק

מחנה רב טוב מאנטיסעלאו
זמנים: עש"ק 8:07 – מוצש"ק 9:34

## לויבן און דאנקען נייעס

**די וואך** ווען מיר לערנען ווייטער איבער דעם ענין פון **"יורדי הים - מיטן שיף אויפן ים"** פון די **שיפן און די פישן** אלעס ארום די וואסערן האבן מיר זייער שיין מיטגעהאלטן א וואך מיט פולע אינטערסאנטקייטן.

**גאר ספעציעל** איז געווען דער געלונגענעם טריפ ווי מיר זענען ארויס געפארן מיט די קינדער צו א שיינע וואסער פריוואט פאר די קינדער ווי די קינדער האבן געהאט די געלעגנהייט צו קענען זעהן און מיטהאלטן פון די נאנט ווי די פישן "גרויסע און קליינע" שווימען אין גאנצן וואסער אלע זייטן אהין און צוריק איינער שנעללער און איינער שטאטער אבער עס איז גאר אינטערסאנט.

מיר האבן זייער שיין פארברענגט אויף די פיינע פרישע לופט ביים וואסער אלע קינדער זענען געשטאנען ארום זייער שיין און זיך צו געקוקט, מיר זעהן אין וואסער די שיינע שטיינער אלעס די ווינטער פון אויבערשטן.

מיינע רבי'ס האבן אויסגענוצט די צייט און שיין פארציילט פאר אונז אלעס ארום די פישן און שיפן און ווי אזוי מ'פלעגט אריבער פארן דעם ים פון איין שטאט צו א צווייטע שטאט.

**יא! אויך זעהן מיר ווי די פיש זענען שטיל** די גאנצע צייט זיי מאכן נישט קיין גערידער די רבי זאגט אונז אז מיר קענען זיך אפלערנען א גוטע זאך פון די פיש **"אז ביים עסן דארף מען זיין שטיל ווי א פיש."**

### אונזער שיינע פיש טענק!

**מיר האבן** אויך באקומען די שיינע קליינע פיש טענק ווי מיר קענען אליינס אריין לייגן די וואסער און זעהן ווי די פיש ווערן גרעסער און גרעסער, מיר האבן דאס שוין פראבירט אין חדר ווען מיין רבי האט אריין געלייגט וואסער אין זיין פיש טענק, יעדן טאג באגריסן מיר די פיש'עלעך און מיר זעהן ווי זיי ווערן שענער און גרעסער.





### א היימישע פיש טענק!

**אויך זענען אונזערע הענט'לעך געווען** גוט פארנומען ווען מיר טוהן דיזיינען א שיינע זאך מיט א פיש און א שיף. מיר הערן זייער גוט וואס טוט זיך אינעווייניג טיף טיף אין א וואסער, די שיינע שטיינער, די שיינע שעל'ס, דארט אין וואסער מיט די פישעלעך. אזוי האבן מיר טאקע געמאכט די שיינע זאך מיט די שיינע שטיינער און מיט א שעל א שיפ'ל און א פיש'ל מיט סטיקער'ס ארום אפילו מיר ווילן דאס שאקלען אלע זייטן קען מען דאס אלעמאל צוריק מאכן זייער שיין.

## פארציילט די וואך

### מיר האבן מיט געהאלטן די הערליכע מעשה פון יונה הנביא.

**די וואך ווען מיר האבן** ווייטער ממשיך געווען און געלערנט פון די **"יורדי הים"** האבן מיר פארציילט די מעשה וואס מיר זאגן יום הקדוש ביי מנחה אין די הפטורה נאכ'ן ליינען.

**עס איז געווען א גרויסע שטאט**, וואס האט געהייסן נינוה, עס האבן דארט געוואוינט אסאך גוים, זיי האבן געטוהן אסאך עבירות, זיי האבן גע'גנב'עט, אפילו דער קעניג איז געווען א גנב.

# בילדער ווינקל

גאר ספעציעל איז געווען דער געלונגענעם טריפ * אונזער שיינע פיש טענק! * א היימישע פיש טענק!














# בילדער ווינקל

גאר ספעציעל איז געווען דער געלוגענעם טריפ * אונזער שיינע פיש טענק! * א היימישע פיש טענק!














**דער אויבערשטער** האט געהייסן פאר **"יונה הנביא"** ער זאל גיין קיין נינוה, און ער זאל זאגן צו די גוים, אז דער אויבערשטער זעהט אלע זייערע עבירות וואס זיי טוהן, און אויב וועלן זיי נישט תשובה טוהן, וועט דער אויבערשטער איבערקערן די גאנצע שטאט.

**יונה הנביא** האט נישט געוואלט גיין זאגן צו די גוים אז זיי זאלן תשובה טוהן, ווייל אויב די גוים וועלן תשובה טוהן, וועט דער יצר הרע זאגן אויף די אידן שלעכט'ס, אז די גוים זענען בעסער ווי די אידן, ווייל די גוים פאלגן און זיי טוהן תשובה. יונה האט געטראכט צו אנטלויפן מיט א שיף ארויס פון ארץ ישראל, וועט איהם דער אויבערשטער נישט קענען שיקן זאגן פאר די שטאט נינוה - אז זיי זאלן תשובה טוהן. יונה איז געגאנגען צו די שיף פארט, און ער האט געזעהן א שיף וואס גייט פארן קיין "**תרשיש**" האט ער באצאלט געלט און ער איז ארויף אויפן שיף. יונה הנביא האט זיך געלייגט שלאפן אין די שיף.

**אבער פון דעם אויבערשטן קען מען נישט אנטלויפן,** דער אויבערשטער האט געמאכט א שטארקע ווינט זאל בלאזן אויפן ים, און די שיף האט זיך זייער שטארק געווארפן, און עס האט געהאלטן ביים איינזינקען. האבן די שיף קאפיטאנ'ס אריינגעווארפן אין ים די זאכן וואס זענען געווען אויפן שיף, אז די שיף זאל ווערן גרינגער אין עס זאל קענען בעסער פארן, אבער עס האט נישט געהאלפן, זיי האבן פראבירט צו צופארן צום שיף פארט, אבער זיי האבן נישט געקענט, ווייל עס איז געווען **זייער א שטארקע ווינט**, האבן זיי שטארק געוויינט און געבעטן זייערע געטשקעס, אבער דאס האט זיי אוודאי גארנישט געהאלפן.

**דער הויפט שיף קאפיטאן** האט באמערקט ווי יונה הנביא שלאפט זיך אזוי רואיג, האט ער איהם אויפגעוועקט **און ער האט אויף איהם געשריגן: פארוואס שלאפסטו?** גיי דאווען און בעט צום אויבערשטען אז ער זאל אונז העלפן.

**זיי האבן געזעהן** אז אלע אנדערע שיפן אויפן ים פארן יא רואיג, נאר זייער שיף ווארפט זיך און קען נישט פארן, האבן זיי פארשטאנען אז צוליב איינעם וואס איז דא אויף די שיף ווערט מען געשטראפט, האבן זיי געמאכט א גורל און דער גורל איז ארויסגעקומען אויף **"יונה הנביא"** אז ער איז שולדיג.

**זיי האבן געפרעגט פון יונה, ווער ביסטו?** און וואס האסטו געטוהן אז מען שטראפט אונז אז דער שיף זאל זיך איבערקערן.

**האט זיי יונה דערציילט** אז ער איז א איד, און פון באשעפער פון די וועלט האב איך מורא, און דער אויבערשטער פון דער וועלט שטראפט איהם יעצט דא אויפן שיף ווייל ער האט נישט געפאלגט, און יונה האט זיי דערציילט די גאנצע מעשה אז ער האט געוואלט אוועק לויפן פון דעם אויבערשטן.

די מענטשן פון די שיף **האבן זייער מורא באקומען פון דעם אויבערשטן,** און זיי האבן זיך גענומען דאווענען צום אויבערשטן, אז זיי זאלן בלייבן לעבן. זיי האבן געפרעגט פון יונה הנביא: **וואס זאלן מיר טוהן** אז דער שיף זאל זיך נישט איבערקערן ?

**האט יונה זיי געזאגט:** ווארפט'ס מיר אריין אין ים אריין, וועט דער שטארקער ווינט אויפהערן. די מענטשן האבן איהם נישט געוואלט אריין ווארפן אין וואסער, קודם האבן זיי איהם אריין געלייגט נאר אביסל אין וואסער, און עס האט טאקע אויפגעהערט די שטארקע ווינטן. אבער עס האט נאכנישט אויפגעהערט אינגאנצן ביז זיי האבן אריינגעווארפן יונה אינגאנצן אין ים אריין, און די שטארקע ווינטן האבן אויפגעהערט, דער שיף האט שוין געקענט פארן אויפן ים.

**דער אויבערשטער האט געשיקט א גרויסע פיש** און ער האט איינגעשלינגען יונה הנביא, און עס איז געווען ליכטיג פאר יונה אינעווייניג אינעם פיש. אין די בויך פון דעם פיש איז געווען א בריליאנט שטיין, עס איז געווען א לעכטיגקייט פונעם בריליאנט שטיין אזוי ווי א שיינעם לעכטיגן טאג, און יונה האט געזעהן אלעס וואס איז דא אין ים.

**יונה האט נישט געדאווענט אז דער אויבערשטער זאל איהם ארויסנעמען פון די פיש,** ווייל עס איז איהם דארט זייער גוט געווען, האט דער אויבערשטער געמאכט אז דער גרויסער פיש זאל איהם אויסשפייען, און א קלענערע פיש האט איהם איינגעשלונגען, דארט איז שוין נישט גוט געווען פאר יונה, ווייל אין יענע פיש איז געווען אסאך אסאך קליינע פישל'ער און עס איז נישט געווען קיין פלאץ פאר יונה הנביא. האט יונה שוין געדאווענט און געבעטן אז דער אויבערשטער זאל איהם ארויסנעמען פונעם פיש. האט דער אויבערשטער געזאגט צו דעם פיש, ער זאל אויסשפייען יונה הנביא, און **דער פיש האט אויסגעשפיגן** יונה אויפן טריקעניש אויף דער ערד.

**דערנאך האט דער אויבערשטער** נאכאמאל געזאגט פאר יונה הנביא אז ער זאל גיין זאגן פאר די מענטשן פון די שטאט נינוה אז זיי זאלן תשובה טוהן. דאס מאל האט שוין יונה געפאלגט דעם אויבערשטן און ער איז גלייך געגאנגען צו די שטאט נינוה און ער האט אויסגערופן: **אכטונג אכטונג: אויב מען טוט נישט תשובה, וועט דער אויבערשטער איבערקערן די שטאט.**

**די מענטשן האבן זיך זייער דערשראקן** פון דעם אויבערשטן, זיי האבן זיך אנגעטוהן א זאק, און אנגעהויבן צו פאסטן, אויך דער קעניג האט געהערט וואס יונה האט אויסגערופן, און דער קעניג האט זיך אויסגעטוהן זיינע טייערע קליידער, און ער האט אנגעטוהן א זאק, דער קעניג האט געהייסן אז יעדער דארף תשובה טוהן, און מען זאל שטארק בעטן צו דער אויבערשטער אז ער זאל זיי מוחל זיין.

**די גוים דארט** ווען זיי פלעגן בויען זייערע הייזער פלעגן זיי גיין גנב'נען **ציגל, טירן, פענסטער,** יעצט ווען זיי האבן תשובה געטוהן, האבן זיי צובראכן זייערע הייזער, זיי זאלן קענען צוריקגעבן די ציגל, טירן, פענסטער'ס וואס זיי האבן גע'גנב'עט.

**דער אויבערשטער האט געזעהן אז זיי טוהן תשובה,** ווייל זיי געבן צוריק אלעס וואס זיי האבן גע'גנב'עט, האט זיי דער אויבערשטער מוחל געווען **און זיי געלאזט לעבן**.

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה**
**מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**